RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

We are pleased to present the special
Rosh Hashonah message of the Lubavitcher
Rebbe - Nosei of our Yeshivah - Shlito

ב"ה, ימי הסליחות, ה׳תשכ"ח
ברוקלין, נ.י.

אל בני ובנות ישראל
אשר בכל מקום ומקום

ה׳ עליהם יחיו

שלום וברכה!

איינע פון די עיקר-ענינים פון ראש-השנה איז - ווי עס איז שוין מערערע מאל אונטערשטראכן געווארן - וואס דאס איז די צייט פון דער הכתרה ("קרוינונג") פון. דעם אויבערשטן, דעם מלך ישראל (קעניג פון די אידן) און מלך העולם (קעניג פון דער וועלט), וואס דאס איז פאר-בונדן מיט אונזער טיפער תפלה און פנימיות׳דיקער בקשה (געבעט): מלוך על העולם כולו - "זיי א קעניג אויף דער גאנצער וועלט!"

אזא געבעט מיינט - א פולשטענדיגע גרייטקייט צו שטעלן זיך אין א צושטאנד אין איינקלאנג מיט דער ג-טלעכער קרוינונג. דאס הייסט: אינגאנצן צו אונטערווארפן זיך און איבערגעבן זיך צום מלך; ביז אז די עצם מציאות פון דעם מענטשן און אלץ וואס ער האט איז נאר דעם מלך׳ס. דאס איז דער ענין פון קבלת עול מלכותו יתברך - "נעמען אויף זיך דעם יאך פון ג-טלעכער מלכות", וואס דריקט זיך אויס אין אלע איינצלהייטן פון טאג-טעגלעכן לעבן.

* * *

באמת איז יעדן טאג דארף זיין און איז דא דער ענין פון קבלת עול מלכות שמים, ובפרט ווען מיר זאגן קריאת-שמע. אבער עס איז פאראן א גרונט-אונטערשייד: אלע טאג איז דער ענין פון קבלת-עול דער אנהייב און דער אונטערליגענדער יסוד פאר דער אויפפירונג במשך פון דעם טאג, אז אלע זיינע ענינים זאלן געבויט ווערן אויף קבלת עול. אבער ראש השנה איז די צייט ווען קבלת עול מלכותו איז דער ענין און אינהאלט פון טאג, זי ווערט אנטפלעקט און נעמט דורך די גאנצע מציאות פונם מענטשן, אזוי אז ער ווערט אינגאנצן בטל צו ג-טלעכקייט.

כדי אז די קבלת עול זאל זיין א פולשטענדיקע און אן אמת׳ע - מוז דער מענש פריער מאכן א חשבון צדק (א ריכטיגן חשבון) פון זיין אויפ-פירונג ביז יעצט - מיט א טיפן געפיל פון חרטה און תשובה אויף די זאכן וואס האבן ניט געטויגט. און אן אמת׳ע תשובה וואשט אראפ דאס ניט גוטע און מאכט עם אהוב ונחמד קרוב וידיד (באליבט - באם אויבערשטן - און אויסגעצייכנט א קרוב און א פריינד), ער איז ראוי און עס איז זיכער אז דער אויבערשטער וועט אננעמען זיין הכתרה און ערפילן זיין בקשה פון מלוך על העולם כולו.

* * *

יעדע תקופה און יעדער ארט האבן זייערע ספעציעלע מעלות און ספעציעלע שוועריקייטן,

אין אונזער תקופה הערשט אין פארשידענע קרייזן א דראנג צו זעלבסטשטענדיקייט און אומאפהענגיקייט, ניט נאר אין מאטעריעלע הינזיכטן נאר אויך אין אידעאלאגישע: א דראנג פון ניט וועלן זיך אונטער-ווארפן צו דער איינגעשטעלטער ארדענונג, פון ניט אנערקענען זאכן איידער מען פארשטייט זיי פולשטענדיג מיטן אייגענעם שכל, אד"ג. דאס איז לכאורה א שטער צו דעם ענין פון קבלת עול.

באזונדערס אין אזוינע מדינות וועלכע זיינען נאך (פארהעלטניסמעסיג) יונג און זיינען אויפגעבויט געווארן אויף דעם גרונט פון און דורך אייגן-איניציאטיוו און ענערגיע, און וואו דער דאזיגער גייסט כאראקטעריזירט די גאנצע איינשטעלונג פונם פערזענלעכן און געזעלשאפטלעכן ארט לעבן - מאכט דאס נאך שווערער צו איינפאסן זיך אין די ראמען פון קבלת עול.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

FREE RENDITION

By the Grace of G-d
In the Days of Selichoth,
5728. Brooklyn, N.Y.

To the Sons and Daughters of
Our People Israel, Everywhere
G-d bless you all!

Greeting and Blessing:

One of the main aspects of Rosh Hashana - as emphasized also on previous occasions - is that it is the time of the Coronation[1] of the Supreme Being, the King of Israel[2] and King of the Universe. This highlight of the day is linked[3] with our profound and inner[4] supplication: "O, reign Thou over all the Universe!"

Such a plea implies complete readiness to place oneself on a level consistant with the Divine Coronation. This means: complete sub-servience and submission to the King, to a degree where the very essence[5] of the individual and all his possessions are only the King's. This is the true concept of "Accepting the Yoke of G-d's Kingship,"[6] blessed be He, which expresses itself in every detail of the daily life.

* * *

As a matter of fact, there is an element of "Accepting the Yoke of the Reign of Heaven" every day, especially when reciting the Shema[7]. But there is a fundamental difference[8]: Every day the element of Kabbolas Ol ("Accepting the Yoke") initiates, and forms the underlying basis of, the daily conduct, so that all one's activities should be founded on Kabbolas Ol. But Rosh Hashana is the time when the acceptance of G-d's Kingship constitutes the essence and content of this day; it manifests itself and permeates the whole being of the individual, so that he becomes completely absorbed in G-dliness.

In order[9] that his Kabbolas Ol should be complete and genuine, a person must first make an honest appraisal of his past conduct, with a profound sense of contrition and teshuvah for any and all un-seemly deeds. True teshuvah cleanses away the no-good, and makes the person "beloved[10], cherished, kindred and intimate friend" of G-d, meriting that G-d will assuredly[11] accept his proffered coronation, and will accept his plea, "O, reign Thou over all the Universe."

* * *

Each era and each country has its advantages and difficulties.

In our era there prevails, in certain circles, a strong tendency to self-assertion and independence, not only in material spheres, but also in ideological; it is the tendency against subordination to existing norms, against accepting things which had not first been scrutinized and fully approved by one's own intellect, and so forth. This, at first glance, would appear to inhibit the acceptance of Kabbolas Ol.

Moreover, in certain countries which are comparatively young, and which have been built upon the foundation and by means of personal initiative and energy, and where the same spirit charac-terizes the individual and social life - this way of life makes

